STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04607

DI OYFGABE FUN UNDZER DOR

Tovia Green

Permanent preservation of this book was made possible
by Susan Levin
in memory of
her father, Leib Levin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אויפגאַבע פון אונדזער דור

וויאזוי מיר קענען מאכן מדינת ישראל עקאָנאָמיש שטארק, זיכער און זעלבסט-שטענדיק.

★

הרב טוביה גרין

די בראשור איז געווידמעט צו די אַלע, וואָס טוען אָדער ווען טאָן אַלץ וואָס זיי קענען, בכדי צו מאַכן מדינת־ישראל, וואָס שנעלער, עקאָנאָמיש שטאַרק, זיכער און זעלבסטשטענדיק.

» » »

אדרעס פו מחבר:

Rabbi T. GREEN, P. O. Box 211, Station "E",
Montreal, Canada

לייענט דאָס טאָשן בוך „די צוקונפט פון מדינת ישראל",
אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון ישראל.

1954 — תשי"ד

פאָרוואָרט

די אידן אויף דער גאַנצער וועלט זענען באַזאָרגט, אַז יש־ראל זאָל חלילה וחס נישט מוזן פאַרלירן אויפן עקאָנאָמישן פראָנט דאָס, אָדער טיילן פון דעם, וואָס זי האָט געוואונען אויפן מיליטערישן און פּאָליטישן פראָנט. דעריבער ווילן אַלע אידן זען מדינת־ישראל, וואָס שנעלער, עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער. מיר קענען דאָס דערגרייכן, אויב מיר וועלן טאָן „די אויפגאַבע פון אונדזער דור״.

מען קען זיין זיכער, אַז יעדע איינע אידישע אָרגאַניזאַציע וועט זיך אָנשליסן אין קאַמף, מלחמת מצוה, צו ברענגען ישראל, וואָס שנעלער צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט.

אויב מיר וועלן זיך אַלע אידן פאַראייניקן אין דער מלחמת מצווה, וואָס ווערט באַשריבן אין דער בראָשור „די אויפגאַבע פון אונדזער דור״, דאַן וועלן מיר זעען אין די נאָענטסטע יאָרן מדינת־ישראל עקאָנאָמיש און פּאָליטיש שטאַרק, זיכער און זעלבסטשטענדיק.

ט. ג.

דער פאקט, וואָס א גרופּע אראבער פון עבר הירדן זענען באַ-פאלן דעם 17 מערץ אן אויטאָבוס אין נגב און האָבן געהרגעט 11 אידן, האָט אויפגעציטערט יעדן איד אויף דער וועלט. בכדי צו פאַרהיטן, אַז עס זאָלן זיך נישט איבער׳חזרן אַזעלכע גע-שעענישן, דאַרף מען אויפבויען דעם נגב און ארום דער גרע־נעץ מיט ירדן דאַרף מען בויען ישובים פון סאָלדאַטן, וואָס זאָלן היטן און אַרבעטן. דאָס וועט מען קענען רעאַליזירן, אויב מיר וועלן טאָן „די אויפגאַבע פון אונדזער דור״.

די אויפגאַבע פון אונדזער דור

צוויי גרויסע געשעענישן האָבן מיר דורכגעלעבט אין אונ־דזער דור: 1) די ערשטע און די טראַגישסטע, וואָס עס איז ווען געשען אין דער אידישער געשיכטע — זעקס מיליאָן פון אונדזערע ליבסטע און טייערסטע זענען געצוואונגען געוואָרן צו שטאַרבן על קידוש השם. אַ דריטל פון אונדזערע ברידער און שוועסטער זענען אונדז אַוועקגעקומען אין אַש און פלאַמען.

2) אַ פּאָר יאָר נאָך דעם האָבן מיר דערלעבט צו זען ווי דאָס אידישע לאַנד, ארץ ישראל, איז אונדז צוריקגעגעבן געוואָרן. מיר קענען צוריקאויפבויען דאָס לאַנד — ישראל, וואָס איז שוין צוויי טויזנט יאָר וויסט. דאָס האָט געבראַכט די גרעסטע פרייד אין אידישן לעבן. די צוויי גרויסע געשעע־נישן לייגן ארויף אויף אונדז אַ גרויסע אחריות. נאָך קיין מאָל אין דער אידישער געשיכטע איז נישט געווען אַ דור, אין וועלכן דאָס אידישע פאָלק האָט געהאַט אזעלכע גרויסע התחיבותן ווי אונדזער דור. די צוקונפטיקע דורות וועלן באַשטימען צו מיר האָבן געטאָן אונדזער פליכט. מיר מוזן אָבער טאָן אַלץ, וואָס מיר קענען אין דער ריכטונג.

די עיקרדיקסטע אויפגאַבע פון אונזער דור איז צו זען, אַז מדינת־ישראל זאָל ווערן וואָס שנעלער עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק. כדי צו מאַכן מדינת־ישראל עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער, מוז מען נאָר איין פערטל פון דער באַ־פעלקערונג באַזעצן אויף ערד־אַרבעט. די אַנדערע דריי גרופּן דאַרפן זיין באַשעפטיקט ביים עקספּלואַטירן נאַטור־אוצרות, ביי אינדוסטריע־אַרבעט, ביי וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און ביי טראַנספּאָרט און האַנדל. בכדי איינצוגלידערן די ערשטע

גרופּע אויף ערד-אַרבעט און זיי זאָלן קענען פּראָדוצירן גענוג שפּייז פאַר אַלע פיר גרופּן, איז נויטיק, אַז זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט מאָדערנע מאַשינען און מיט די נייסטע מע־טאָדן פון אַגריקולטור. אויסער דעם איז די ישראל ערד פאַר־ווילדעט געוואָרן פון טריקעניש, מאַלאַריע, צעפּרעסונג און אַנדערע קראַנקהייטן, דורך די לאַנגע יאָרן פון אידישן גלות. כדי די ערד זאָל ווייטער דערנערן אונדזערע ברידער, מוז מען זי געזונט מאַכן.

דער עיקר דאַרף מען די ערד האָבן, אַז מען זאָל קענען דאָרט באַזעצן אַ טייל פון די 800 טויזנט פון אונדזערע ברי־דער און שוועסטער, וועלכע זיינען לעצטנס געקומען קיין ישראל, עקאָנאָמיש צעבראָכן פון מלחמות און נויט. אין דער זעלבער צייט, אויב מען וויל, אַז די 800 טויזנט אידן זאָלן האָבן יעדן טאָג מילך־פּראָדוקטן, דאַן דאַרף מען אריינברענ־גען איבער 100 טויזנט קי קיין ישראל. די אַלע אונטערנע־מונגען ציען אַריין אין שווערע אויסגאַבן. דאָס וועט געבן אַרבעט פאַר די ערד־אַרבעטער גרופּע פון די אידן, וועלכע זענען אַריינגעקומען קיין ישראל. כדי צו געבן באַשעפטיקונג אַלע ניי אַריינגעקומענע אידן, מוז מען אַריינברענגען מאַשי־נען צו עקספּלואַטירן די נאַטור-אוצרות, וועלכע מען האָט געפינען אין ישראל. מען דאַרף אַריינברענגען מאַשינען מיטן צוועק צו בויען נייע אינדוסטריעס, אַן וועלכע אַ לאַנד קען נישט זיין עקאָנאָמיש שטאַרק. מען דאַרף פאַרלייגן נייע טראַנספּאָרט מיטלען, בויען וועגן, באַן־ליניעס און פּאָרטן; קויפן שיפן, באַנען, אויטאָס און עראָפּלאַנען, בכדי צו האָבן אַ שטאַרק און זיכער לאַנד. די אַלע זאַכן פאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלן טאָן אַלץ, וואָס מיר קענען, בכדי די אידן וועלכע זענען געבליבן נאָך דעם גרויסן חורבן, זאָלן שוין זיין עקאָנאָמיש זיכער.

די אידן אין ישראל עסן שוין פינף יאָר נישט קיין פליש, אייער און שפּאָרן פון אַנדערע נויטיקע קאָנסום אַרטיקלען, בכדי די אויבנדערמאָנטע צילן צו דערגרייכן. די אידן אין ישראל קענען זאָגן מיט רעכט, אַז זיי זענען נישט מחויב די אַלע שוועריקייטן אַליין צו האָבן. אידן אין די מערב לענדער האָבן ב״ה היינט צו טאָג די מעגלעכקייטן זיך מער אָנצו־שטרענגען און העלפן לעזן די פּראָבלעמען. די איינציקע זאַך, וואָס מען דאַרף איז, אַז אידן זאָלן אינוועסטירן אַ טייל פון זייער פאַרמעגן אין ישראל, אין די אויבנדערמאָנטע אונטער־נעמונגען. די אינוועסטירונגען קענען מיט דער צייט ברענגען פאַרדינסטן און וועלן אויך לעזן דאָס פּראָבלעם פון ישראלס עקאָנאָמישע שוועריקייטן.

די אויבנדערמאָנטע באַמערקונגען ווילן נישט מינימיזירן די ווערטן פון דעם, וואָס מען טוט. אָן די „באָנדס״, וועלכע מען האָט שוין ביז איצט פאַרקויפט, וואָלט נאָך פיל שווערער געווען. אָבער, מען דאַרף געדענקען, אַז די צוויי גרויסע געשעענישן, וועלכע מיר האָבן אַדורכגעלעבט אין אונדזער דור, וואַרפן אויף אונדז אַרויף גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייטן. וועלכעס אידיש האַרץ ציטערט נישט פון געוויין, ווען עס הערט בלויז דעם נאָמען „אידן פון אייראָפּע אין דער צווייטער וועלט מלחמה״. אין אַלע רמ״ח אברים פונעם איד ציטערן פון פרייד, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אונדזער דור איז אויסגעקליבן געוואָרן צו זען ווי מיר האָבן צוריק אונדזער אידישע ערד — אונדזער ארץ ישראל. אָבער דיביידע זאַכן פאַרלאַנגען אונדזער אָנשטרענגונג. יעדער איד מוז אויף זיך נעמען די אחריות און ער מוז קלערן, אַז עס איז זיין חוב צו זען, אַז אידן זאָלן מער נישט ליידן, אַז די עקאָנאָמיע אין ישראל זאָל זיין אַ שטאַרקע. ווען יעדער איד זאָל כאָטש פון 5 ביז 10 פּראָצענט פון זיין פאַרמעגן אינוועסטירן אין יש־ראל, סיי דורך באָנדס, סיי אויף אַנדערע אופנים, דאַן וואָלט נישט נאָר ישראל שוין געווען עקאָנאָמיש שטאַרק, נאָר זי

וואָלט שוין אויך געקענט אַריינגעמען די אידן פון צפון אַפריקע און פון אַנדערע לענדער, וואו אידן מוזן פאַרלאָזן זייערע היימען.

אויב מיר ווילן די אויפגאַבע נישט אָנהייבן נעמען אַביסל מער ערנסט, דאַן וועט אונדזער דור אַריינגיין אין דער געשיכטע ווי אַ דור פון „מתי מדבר", אַ דור, אין וועלכן אַ דריטל פון אונדזערע ברידער און שוועסטער זענען אַוועקגעקומען אין אַש און פלאַמען און די וואָס זענען געבליבן ביים לעבן האָבן נישט געוואָלט אינוועסטירן פון 5 ביז 10 פּראָצענט פון זייער פאַרמעגן, בכדי צו פאַרזיכערן דעם קיום האומה און דעם קיום פון די אידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט. ישראל פאַרלאַנגט נישט, אַז אידן זאָלן געבן צדקה 5 פּראָצענט פון זייער פאַרמעגן, בכדי איינצואָרדענען די ניי-געקומענע פון אונדזערע ברידער און שוועסטער. אפילו ווען מען זאָל דאָס פאַרלאַנגען, וואָלטן אידן עס אויך געדאַרפט טאָן. כאָטש מען דאַרף נאָך טיילווייז אויך געלטער, וועלכע ישראל וועט נישט קענען צוריקצאָלן, בכדי צו דעקן די הוצאות פון דעם ערשטן פּעריאָד פון איינגלידערן, אָבער דער עיקר דאַרף מען האָבן אינוועסטירונגען, וועלכע מען וועט קענען צוריקצאָלן.

ווען מיר מאַכן אַן ערנסטן שטודיום פון דעם, וואָס די אידן אויף דער וועלט האָבן געטאָן בכדי צו מאַכן עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק די 800 טויזנט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע ישראל האָט אריינגעלאָזט, מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז מען האָט נישט געטאָן דעם חוב, וואָס אונדזער צייט לייגט אויף אונדז ארויף. צום ביישפּיל, לעצטן יאָר האָט מען פאַרקויפט פון 40 ביז 50 מיליאָן דאָלאַר ישראל באָנדס. כדי צו ברענגען ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט דאַרף מען האָבן פיל גרעסערע סומעס. בלויז צו פאַרווירקלעכן לאָדערמילקס פּלאַן אַליין, מוז מען

האָבן 200 מיליאָן דאָלאַר. עס זענען דאָ אידן, וועלכע האָבן אַ מיליאָן דאָלאַר אין פאַרמעגן, אָדער אַרום דער צאָל, און זיי באַרימען זיך, אַז זיי האָבן געקויפט באָנדס פאַרן ווערט פון טויזנט ביז פינף טויזנט דאָלאַר. מיטן ציל אויפצובויען דאָס אידישע לאַנד, איז דאָס נישט גענוג. אפילו ווען זיי זאָלן אינוועסטירן בלויז איין פּראָצענט פון זייער פאַרמעגן אין ישראל, דאַן דאַרפן זיי קויפן פאַר 10 טויזנט דאָלאַר באָנדס. אָבער בכדי צו טאָן דעם חוב פון אונדזער דור, דאַרפן זיי אינוועסטירן פון 5 ביז 10 פּראָצענט פון פאַרמעגן. דאָס הייסט, אַז זיי דאַרפן קויפן באָנדס, אָדער דירעקט אינוועס-טירן פון 50 ביז 100 טויזנט דאָלאַר אין ישראל. אויך אידן וועלכע פאַרמאָגן 100 טויזנט דאָלאַר אין זייער פאַרמעגן, האָבן נאָך נישט געטאָן זייער חוב — צו העלפן ברענגען ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט. אַ איד, וועל-כער פאַרמאָגט 100 טויזנט דאָלאַר, וואָלט געדאַרפט אינוועס-טירן כאָטש פון 5 ביז 10 טויזנט דאָלאַר אין ישראל. און איי-נער וואָס פאַרמאָגט 10 טויזנט דאָלאַר, וואָלט געדאַרפט אינ-וועסטירן פון 500 ביז 1000 דאָלאַר אין ישראל. די אידן, וועלכע האָבן עס נאָך נישט געטאָן, קענען עס נאָך טאָן, ווייל מען מוז כאָטש מיט אַזויפיל זיך באַטייליקן, בכדי צו מאַכן מדינת ישראל פאַר אַ שטאַרק לאַנד אויפן עקאָנאָמישן געביט.

אַמאָל פלעגן אידן אָוועקגעבן 10 פּראָצענט (מעשר) פון זייער פאַרמעגן אויף צדקה. היינט פאַרלאַנגט מען נאָר פון 5 ביז 10 פּראָצענט אין אינוועסטירונגען, בכדי אויפצובויען אַ אידיש לאַנד, אַז עס זאָל זיין עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער. מיר מוזן דאָס טאָן. דער ציל דאַרף זיין, אַז יעדער איד זאָל כאָטש פון 5 ביז 10 פּראָצענט פון זיין פאַרמעגן אינוועסטירן אין ישראל, אָדער דורך קויפן באָנדס, אָדער דורך דירעקטע אינוועסטירונגען.

מיר האָבן אויך אָן אויפגאַבע אין אונדזער דור פון „דע ועשה". מיר דאַרפן וויסן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין אי־דישן לעבן; טראַכטן וועגן דעם און טאָן אַלץ, וואָס מיר קע־נען בכדי צו מאַכן, אַז אידן זאָלן מער נישט ליידן פון קיין צרות און נויט. עס איז נאָך נישט געווען אין דער אידישער געשיכטע אַ דור, אין וועלכן אונדזערע ברידער און שוועס־טער זאָלן האָבן אַזויפיל געליטן, וויפל אין אונדזער דור. און יעדער אידיש האַרץ בלוטיקט, ווען מיר הערן, אַז נאָך אידן ליידן.

אין דעצעמבער 1953 האָ די אידישע פּרעסע איבערגע־געבן, אַז צוליב דעם, וואָס די פראַנצויזן מיט די צפון־אַפרי־קאַנער האָבן צווישן זיך סכסוכים, האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע אויף אידן. „לאָנדאָן, דעצעמבער 27, 1953 (איטא), מען האָט געוואָרפן אַ באָמבע אויף אידן אין קאַסאַבלאַנקאַ, צפון אַפריקע. פיל אידן זענען געטויט געוואָרן". יעדער אי־דיש האַרץ האָט זיך צעוויינט צוליב דער דאָזיקער געשעע־ניש. אָבער, צעוויינען זיך אַליין איז נישט גענוג. די אידישע צרות זענען אין אונדזער דור זייער גרויס געווען. אונדזערע ברידער און שוועסטער זענען שוין צוויי טויזנט יאָר געוואוינט צו גלות און צרות. אָבער, דורך דער גאַנצער צייט איז נאָך נישט געווען אַזאַ טראַגישער דור ווי אונדזערער, אין וועלכן אידישע ליידן זאָלן האָבן געווען אזוי גרויס, ווי אין אונדזער דור. דעריבער מוזן מיר טאָן אַלץ, וואָס מיר קענען, אַז אידן זאָלן מער נישט ליידן. מיר מוזן מאַכן אַלע עקאָנאָמישע צו־גרייטונגען אַרויסצונעמען די אידן, וועלכע ווילן פאַרלאָזן צפון־אַפריקע און זיי ברענגען קיין ישראל. עס איז די פליכט פון די אידן פון דער גאַנצער וועלט צו מאַכן מדינת ישראל עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער וואָס שנעלער, בכדי ישראל זאָל קענען אַריינגעמען די אַלע אידן, ווי אויך, אַז די אידן, וועלכע קומען קיין ישראל זאָלן דאָרט געפינען עקאָנאָמישע זיכערקייט.

ווען אַ שונא פונעם אידישן פאָלק זאָגט גאַנץ אָפן, אַז ער איז גרייט מקריב צו זיין 10 מיליאָן פון זיינע פאָלקס־ברידער בכדי צו צעשטערן דאָס אידישע לאַנד; ווען מיר זעען, אַז מען מאַכט בלאָקאַדעס, בכדי צו שטערן ישראל אין איר האַנדל; ווען מיר זעען, אַז מען וויל ישראל שטערן אין איר עלעקטרישער און אַנדערע טעכנישע אַנטוויקלונגען, מיט פּאָליטישע מאַנעוורעס, דאַן מוזן מיר אָנהויבן טראַכטן. צום ערשטן דאַרפן מיר טראַכטן, ווי אזוי קענען מיר אידן אויס־נוצן אונדזער איינפלוס, בכדי צו צעשטערן די פּלענער פון אונדזערע פיינט. צווייטנס, דאַרפן מיר מיט נאָך מער כוח בויען דאָס לאַנד, אַז עס זאָל וואָס שנעלער ווערן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש שטאַרק. די אַלע שונאים זענען נאָר אזוי גרויס ביי זיך, ווייל זיי זעען, אַז ישראל מוז נאָך אַלץ קעמפן מיט עקאָנאָמישע שוועריקייטן. דער קעניג פון דרום־אַראַביע ווייסט גאַנץ גוט, אַז קעגן אַ שטאַרקער ישראל־מדינה קען ער נישט קעמפן מיט זיין מיליטער. אַז אים וועט זיך פאַר־גלוסטן אַ מלחמה, דאַן וועט ער זיין דאָרטן וואו פאַרוק, דער קעניג פון מצרים, איז — נישט אין זיין מלוכה. אָבער מען מוז זען, אַז ישראל זאָל זיין שטאַרק, דאַן וועט זיך שוין אים אויך נישט פאַרגלוסטן קיין מלחמה און די אַנדערטהאַלבן מיליאָן אידן פון ישראל, צוזאַמען מיט 10 מיליאָן אַראַבער פון אַראַבישע לענדער, וועלן אויך נישט זיין אין אַ סכנה. אין קאַמף קעגן דער מצרימישער בלאָקאַדע, דאַרפן מיר אויפ־בויען די שטאָט אילת, מיט גוטע טראַנספּאָרט סיסטעמען קיין אילת, ווי אויך בויען אַ גוטן פּאָרט אין אילת און זעען, אַז ישראל זאָל האָבן שיפן ארום דער שטאָט. דאַן וועט מצרים שוין לאָזן ישראל באַנוצן דעם סועץ־קאַנאַל, און דאַן וועט ישראל שוין נישט דאַרפן אזוי נויטיק דעם סועץ, ווייל זי וועט זיך קענען באַנוצן מיטן פּאָרט אילת.

מען קען אויך זיכער זיין, אַז ווען ישראל וועט זיין עקאָ־נאָמיש שטאַרק און זיכער, וועלן די אַראַבער איינשטעלן פרידן

מיט ישראל. דער איינציקער טעם, פאַרוואָס זיי מאַכן נישט קיין שלום איז, ווייל זיי ווילן געוואונען אויפן עקאָנאָמישן פראָנט דאָס, וואָס זיי האָבן פארלוירן אויפן פאָליטישן און מיליטערישן פראָנט. אָבער, ווען זיי וועלן זען, אַז דאָ קענען זיי אויך נישט געווינען, דאַן וועלן זיי מאַכן שלום מיט ישראל. מיר אידן קענען מאַכן, אַז ישראל זאָל געווינען, וואָס שנעלער אויך אויפן עקאָנאָמישן פראָנט, דורך אָנשטרענגען זיך שטאַרקער און אויפבויען ישראלס עקאָנאָמיע. דורך דעם וועלן מיר העלפן ברענגען שלום אין יענעם אָרט. וועגן די אַלע אָנגעלעגנהייטן און ווי אזוי זיי דורכצופירן דאַרף היינט יעדער איד טראַכטן, ווי אויך טאָן מעשים אין דער ריכטונג.

דאָס יאָר פאַלט אויס דער 50טער יאָרצייט נאָך דר. טעאָדאָר הערצל ע״ה—דער גרינדער פון פאָליטישן ציוניזם. דעריבער וואָלט היינט געווען די ריכטיקע צייט זיך צו מאַכן אַ חשבון הנפש, צו זען ווי ווייט מיר זיינען געגאַנגען פון חלום צו ווירקלעכקייט; ווי אזוי האָט הערצל פאַרגעזען די מאַסן עמיגראַציע, און ווי אזוי ווערט זי היינט דורכגעפירט?

אין זיין צייט איז ישראל געווען אונטער דער טערקישער אויפזיכט. די טערקישע רעגירונג איז דעמאָלט געווען פינאַנציעל געבראָכן. זי איז שולדיק געווען הונדערט מיליאָן פונט. זי וואָלט גערן געווען געגעבן ארץ ישראל פאַר די אידן, ווען מען וואָלט איר אין אָרדנונג געבראַכט די חובות. אין דער זעלבער צייט זיינען אויך געווען הונדערטער טויזנטער אידן אין רוסלאַנד, רומעניע, און אַנדערע לענדער, וואָס וואָלטן גערן געווען אַנטלאָפן פון די פאָגראָמען, קיין ישראל. וואָס האָט אויסגעפעלט? — קאַפּיטאַל, און אַביסל אונטערנעמונגסגייסט פון די אידן, וואָס האָבן געהאַט קאַפּיטאַל. דער גרויסער אידישער פירער, דר. טעאָדאָר הערצל, האָט דעמאָלט גערופן דאָס אידישע פאָלק צו אינוועסטירן אַ פאַר הונדערט מיליאָן פונט אין ישראל, וואָס זיינען דעמאָלט געווען איבער אַ בי־

ליאָן דאָלאר, בכדי אויפצובויען א אידיש לאנד, אָבער אידי־
שע אונטערנעמער האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן פאַרלירן
דאָס געלט. עס איז אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן, וואָס צום סוף
איז געשען. עס איז פונם אידישן פאָלק אומגעקומען אַ דריטל.
און אַ סך פון די אידן, וועלכע האָבן דעמאָלט נישט געוואָלט
אינוועסטירן אַ טייל פון פאַרמעגן אין ישראל, האָבן נישט
דאָס געלט און זיך אליין אויך נישט געראַטעוועט. עס איז
נאָך מער טראַגיש זיך צו דערמאָנען, אַז פון דעם לאַנד —
דייטשלאַנד — וואו הערצל האָט געקלערט, אַז די אידן האָבן
צייט ארויסצוגיין די לעצטע, נאָכדעם, ווי דאָס אידישע לאַנד
וועט שוין זיין אויפגעבויט, און זיי דאַרפן נאָר העלפן פינאַנ־
סירן די אונטערנעמונג, אַז גראדע אין דעם לאַנד איז געווען
די גרעסטע סכנה פאַר אידן צו בלייבן. זיי האָבן טאַקע נישט
געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט, בכדי אויפצושטעלן אַ
אידישע מדינה, און ווען זיי האָבן געדארפט אַנטלויפן, האָבן
זיי לײדער נישט געהאַט וואוהין. היינט זעען מיר, אַז ווען
די אידן וואָלטן דעמאָלט געהאַט דעם מוט צו אינוועסטירן אַ
פאַר הונדערט מיליאָן פונט אין ישראל, וואָלט מען, וואַר־
שיינלעך, געקענט אויסמיידן דעם חורבן אייראָפּע.

אונדזער אויפגאַבע היינט איז — צו אינוועסטירן גרויסע
סומעס בכדי צו מאַכן ישראל שטאַרק און זיכער. לאָמיר עס
טאָן! לאָמיר אויסנוצן די געלעגנהייט וואָס היינט איז דער
50טער יאָרצייט פון דר. הערצל און זיך אָרגאַניזירן און זען,
אַז הערצלס פאָראויסזעאונג אין זיין בוך „אַלטניילאַנד״, זאָל
אויך וואָס שנעלער מקוים ווערן. דאָס איז, אַז די אידן אין
ישראל זאָלן קענען לעבן רואיק אָן עקאָנאָמישע זאָרגן.

אַ סך מאָל הערן מיר ווי אידן, ברידער וועלכע האָבן גע־
לעבט ווייט פון אידישע צרות אין דער צווייטער וועלט מל־
חמה, קריטיקירן זיך. זיי פרעגן זיך צי זיי האָבן געטאָן אַלץ,
וואָס זיי האָבן געקענט בכדי צו פאַרמיידן דעם חורבן איי־

ראַפּע. דאָס איז זייער אַ געזונטע דערשיינונג אין אידישן לעבן, ווייל דאָס ברענגט צו אַ ביסל מער חשבון הנפש. לאָמיר אויך אָנהויבן צו טראַכטן צו מיר טוען איצט גענוג. די היינטיקע אויפגאַבן קענען מיר נאָך טאָן, און לאָמיר זיי טאָן מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט. אזוי ארום וועלן מיר נישט דאַרפן שפּעטער טראַכטן צי מיר האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מיר האָבן געקענט, ווייל מיר וועלן טאַקע טאָן אַלץ וואָס מיר קענען. היינט איז די צייט, אַז יעדער איד זאָל כאָטש פינף מינוט יעדן טאָג אָוועקגעבן בכדי צו טראַכטן ביי זיך: „ווי אזוי וואָלט איך געקענט העלפן, אַז ישראל זאָל וואָס שנעלער ווערן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש שטארק און זיכער". און נאָך דעם זאָלן מיר טאַקע טאָן אַלץ, וואָס מיר קענען אין דער ריכטונג. יעדער איד קען אַ סך טאָן אין העלפן ברענגען ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט, סיי דורך אַליין אינוועסטירן געלט און סיי דורך מאַכן, אַז זיינע פריינד זאָלן דאָרט אינוועסטירן געלט. איינער קען כמעט גאָר־נישט טאָן. אָבער, אַלע אידן צוזאַמען, און יעדער איינער לויט זיינע מעגלעכקייטן, קענען ברענגען ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט און קענען מאַכן, אַז ישראל זאָל היינט אויך זיין אַן „ארץ זבת חלב ודבש", אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק און וואו אידן זאָלן זיצן „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו" אין עקאָנאָמישער זיכערקייט.

גרויסע געשעענישן זענען נישט קיין אָפטע דערשיינונגען אין אַ פאָלקס געשיכטע. דעריבער דאַרפן נישט ביי אונדז אַזעלכע געשעענישן אַדורכגיין מיט איינמאָליקער פרייד און נאָכדעם כמעט ווי דערפון פאַרגעסן. ניין, מיר דאַרפן וועגן דעם טראַכטן אונדזער גאַנצן לעבן. די גרויסע געשעענישן דאַרפן אונדז לערנען, אַז מיר זאָלן טאָן אַלץ, וואָס מיר קענען צו מאַכן שטארק דאָס אידישע לאַנד, וועלכעס איז אַ שטאַר־קייט פאַר די אידן פון דער גאַנצער וועלט.

מיר מוזן זען צו דערגרייכן אונדזער ציל, אז יע־דער איד זאָל לכל הפחות אינוועסטירן פון 5 ביז 10 פראָצענט פון זיין פארמעגן אין ישראל.

כדי צו דערגרייכן דעם ציל, דאַרפן אַלע אידישע אָרגאַני־זאַציעס אַרבעטן צוזאַמען: 1) די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס; 2) דער אידישער וועלט קאָנגרעס; 3) דער פאַראייניקטער אידישער אַפּיל; 4) דער מזרחי; 5) די אידישע קהילות, מיט די רבנים און פירער פון יעדער אידישער קהילה; 6)דער אי־דיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד; 7) די הדסה; 8) די פּיאָנערן פרויען גרופּן; 9) דער אַמעריקאַנער אידישער קאָ־מיטעט; 10) די אידישע סוכנות; 11) דער קרן קימת; 12) דער קרן היסוד; 13) די ישראל עקאָנאָמישע קאָרפּאָראַציע; 14) דער אַרבעטער רינג; 15) די רבנישע אָרגאַניזאַציעס; 16) די אי־דישע צייטונגען, ווי אויך די אידישע צייטונגען אין אַנדערע שפּראַכן; 17) די אידישע ראַדיאָ פּראָגראַמען, ווי אויך אַלע צווייגן פון אידישן אָרגאַניזירטן לעבן אין יעדן לאַנד, אַלע גרויסע און קליינע אָרגאַניזאַציעס אין אידישן לעבן. די אַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך פאַראייניקן און אויסאיבן אַ דרוק אויף יעדן אידן, אַז ער זאָל לכל הפחות פון 5 ביז 10 פּראָצענט פון זיין פאַרמעגן אינוועסטירן אין ישראל. דער מינימום זאָל זיין 5 פּראָצענט פון יעדן אידנס פאַרמעגן אין גלות. די אַלע אָרגאַניזאַציעס, ווען זיי זאָלן אַרבעטן צוזאַמען פאַר דעם ציל, קענען זיי עס אַדורכפירן. אַז מיר וועלן האָבן דאָס געטאָן, דאַן וועלן מיר האָבן טיילווייז דערפילט די אויפגאַבע, וואָס די געשיכטע לייגט ארויף אויף אונדז. מיר וועלן האָבן גע־בראַכט ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט.

מיט די געלטער וועט מען קענען אויפבויען אַ גרויסע כע־מישע אינדוסטריע אין ישראל. ישראל האָט אַלע רוי־שטאָפן פאַר דער אינדוסטריע, נאָר קאַפּיטאַל צו קויפן מאַשינען דאַרף מען האָבן. מען וועט אויך קענען אָנהייבן צו רעאַליזירן

דעם לאַדערמילק־פּלאַן, וועלכער וועט געבן גענוג עלעקטרי־ציטעט פאַר ישראל ווי אויך גענוג שפּייז־פּראָדוקטן פאַר אַלע אידן, וועלכע וואוינען דאָרט. מען וועט קענען אימפּאָר־טירן מאַשינען בכדי צו עקספּלואַטירן דעם מאַגנעזיום, פּאָ־טאַש, פאָספאַר, אייזנאַרץ, קופּער, מאַנגאַנעז און אַנדערע מינעראַלן, וועלכע ישראל האָט אין גרויסע מאַסשטאַבן. מיט די געלטער וועט מען קענען אויפבויען די שטאָט אילת, מען וועט קענען בויען דאָרט אַ פּאָרט און קויפן נייע שיפן, וועלכע ישראל דאַרף. מען וועט אויך קענען פאַרלייגן אין ישראל אַ שטאַרקן טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע־סיסטעם. מיט איין וואָרט, מיר וועלן מאַכן ישראל עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער.

די אַלע אונטערנעמונגען זענען זיכערע אינוועסטירונגען און אין פאַרלויף פון 10 ביז 15 יאָר וועט יעדער איד קענען צוריקהאָבן דאָס געלט מיט די פּראָצענטער. לאָמיר נעמען איין ביישפּיל: די כעמישע אינדוסטריע. מען דאַרף האָבן 30 מיליאָן דאָלאַר אין אויסלענדישן קאַפּיטאַל, בכדי צו קויפן מאַשינען, וועלכע ישראל אַרבעט נישט אויס אין לאַנד. ביי די אינוועסטירונגען קען מען פאַרדינען 10 מיליאָן דאָלאַר יעדעס יאָר. דאָס הייסט, אַז אין דריי יאָר וועט מען קענען אַרויסנעמען אין פאַרדינסטן דאָס אינוועסטירטע קאַפּיטאַל. נישט אַלע אינדוסטריעס גיבן אַזעלכע גרויסע פאַרדינסטן. אָבער אַלע אונטערנעמונגען אין אַ לאַנד ווי מדינת ישראל, וואָס הייבט זיך שטאַרק אָן צו אַנטוויקלען, וועלן געבן רווחים. דעריבער קען מען זיין זיכער, אַז סיי די באָנד־אונטערנע־מונגען און סיי דירעקטע אינוועסטירונגען וועלן געבן פּראָ־פיטן און זיי וועלן אויך מאַכן ישראל עקאָנאָמיש זעלבסט־שטענדיק.

די דאָזיקע מיסיע איז אַ זאַך, וועלכע גאָט הייסט אונדז טאָן. יעדער איד וועלכן עס טוט וויי, וואָס אידן מוזן נאָך ליידן פון עקאָנאָמישע שוועריקייטן און יעדער איד ביי וועלכן דאָס

האַרץ ציטערט, וועגן דעם גורל פון אונדזערע 500 טויזנט ברודער און שוועסטער אין צפון אַפריקע, וועלכע מוזן נאָך דערווייל בלייבן אין אַ געגנט, אין וועלכער זיי זענען יעדן טאָג אין אַ סכנה, — הערט יעדע מינוט דעם „בת קול" פון הימל, ווי עס שרייט צו אונדז: „מאַכט ישראל עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק. זאָלן שוין די אידן דאָרט זיין עקאָנאָמיש שטאַרק און זאָלן זיי שוין קענען אַריינעמען יעדן אידן, וועל־כער וויל דאָרט קומען". מיר קענען דערפון מאַכן אַ ווירק־לעכקייט דורך דעם, וואָס מיר וועלן דאָרט אינוועסטירן לכל הפחות פון 5 ביז 10 פּראָצענט פון אונדזער פאַרמעגן.

איר ווילט דאָך, אַז מדינת ישראל זאָל זיין עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער! איר ווילט דאָך, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל האָבן אַ שטאַרקן קיום! איר ווילט דאָך, אַז אידישע קינ־דער אויף דער גאַנצער וועלט זאָלן מער נישט ליידן קיין צרות, הונגער און נויט! הונדערטער אַזעלכע וואונטשן שטעלט זיך יעדער איד אין אונדזער דור. די דערפילונג פון די וואונטשן ווענדעט זיך אין דעם, ווי שנעל מדינת ישראל וועט זיין עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער. דורך דעם וואָס מיר וועלן זיך אַביסל מער אָנשטרענגען, קענען מיר מאַכן פון די אַלע וואונטשן ווירקלעכקייטן.

די צוויי גרויסע געשעענישן, וואָס מיר האָבן אַדורכגעלעבט אין דעם דור פאַרלאַנגען פון אונדז, אַז מיר זאָלן טאָן אונדזער אויפגאַבע. לאָמיר זיך אַלע אָרגאַניזירן צו דערפילן די אויבנ־דערמאָנטע התחיבותן, און לאָמיר זיך אַלע אידן פאַראייניקן אין דער „מלחמת מצווה" פון אונזער דור — לאָמיר ברענגען ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט, און ממילא אויך הייבן דעם לעבנס סטאַנדאַרט פון די אידן אין ישראל.

„און דאָס פאַרוויסטע לאַנד וועט באַאַרבעט ווערן,
אָנשטאָט וואָס עס איז געווען אַ וויסטעניש

פאַר די אויגן פון איטלעכן דורכגייער.
און מען וועט זאָגן:
דאָס דאָזיקע לאַנד דאָס פאַרוויסטע
איז געוואָרן ווי דער גאָרטן פון עדן,
און די שטעט די חרובע און פאַרוויסטע און צעשטערטע
זענען באַפעסטיקטע באַזעצט״.

יחזקאל, קאַפּיטל ל״ו, לד—לה.

אַ בריוו צום לייענער

חשוב׳ער לייענער:

די בראָשור האָב איך געדרוקט נאָר צוליב איין טעם — בכדי צו העלפן ישראל קומען צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענ־דיקייט. איך גלויב, אַז דורך דעם, וואָס מער אידן וועלן דעם פּאַמפלעט לייענען, וועט עס ביי מער אידן אויפוועקן אַ געפיל, אַז מיר זאָלן טאַקע עטוואָס טאָן אין דער ריכטונג. דעריבער בעט איך אייך, אַז ווען איר לייענט אַדורך דעם פּאַמפלעט, דאַן גיט עס צו אייער פריינד, חבר, אָדער צו נאָך אַ אידן. זאָל נאָך אַ אידיש האַרץ דערפילן „די אויפגאַבע פון אונדזער דור״. ווען איר ווילט עס איבערדרוקן און פאַרשפּרייטן צווישן אידן אין סיי וועלכער שפּראַך, ווי אויך אין דער זעלבער שפּראַך אין וועלכער איר דערהאַלט עס, דאַן זענט איר גע־בעטן עס צו טאָן. איר וועט באַשטימט דערמיט העלפן ברענ־גען צו דער אויפמערקזאַמקייט פון מער אידן „דעם חוב פון אונדזער דור״. איך גלויב, אַז יום־העצמאות איז די בעסטע צייט אַזאַ פּאַמפלעט צו פאַרשפּרייטן צווישן אונדזערע אידישע ברידער אין אַלע קהילות, ווייל דעמאָלט גיט מען זיך אַביסל מער אָפּ אַ חשבון הנפש וועגן די שוועריקייטן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין מדינת ישראל. אָבער מען קען

דעם פאַמפלעט אויך צעטיילן צווישן אונדזערע ברידער אַ גאַנץ יאָר.

איך האָף, אַז איר, צוזאַמען מיט מיר, וועלן זיך אַנשליסן אין קאַמף (מלחמת-מצווה) וועלכן מען דאַרף רופן „מיר מוזן זען, אַז מדינת-ישראל זאָל ווערן עקאָנאָמיש זעלבסטשטענ-דיק". מיר מוזן דאָס דערגרייכן.

ווען איר האָט וועלכע עס איז באַמערקונגען אין שיכות מיט דעם פאַמפלעט, אָדער מיטן פּראָבלעם, ווי אזוי צו ברענ-גען ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט, וועל איך אייך זייער דאַנקבאַר זיין, אַז איר וועט זיי ברענגען צו מיין אויפמערקזאַמקייט. איך גלויב אויך, אַז עס וואָלט זייער וויכ-טיק געווען, ווען איר שרייבט אַריין אין דער אידישער, אָדער ענגליש-אידישער פּרעסע אייער מיינונג, וואָס מען דאַרף טאָן בכדי מיר זאָלן וואָס שנעלער דערגרייכן אונדזער ציל — מדינת ישראל זאָל ווערן עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער. עס וואָלט אויך וויכטיק געווען, אַז איר זאָלט דעם פּראָבלעם דיסקוטירן מיט אייערע חברים און פריינד. דיסקוטירט דעם פּראָבלעם מיט די חברים פון דער אידישער אָרגאַניזאַציע אָדער קאָנגרעגיישאָן, וואו איר זענט אַ מיטגליד און זעט, אַז עס זאָלן דאָרטן ווערן געטאָן פּאָזיטיווע מעשים, בכדי צו טאָן וואָס מען קען אין ברענגען ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסט-שטענדיקייט.. ווען איר גלויבט, אַז עס איז וויכטיק, דאַן לייענט פאַר אין דער אָרגאַניזאַציע פאַר אייערע חברים די בראָשור „די אויפגאַבע פון אונדזער דור".

מיט פריינטלעכן גרוס און וואונטשן, אַז מיר זאָלן זען מדינת-ישראל וואָס שנעלער עקאָנאָמיש שטאַרק און זיכער.

ראביי טוביה גרין

„אם תרצו אין זאת אגדה" (דר. ט. הערצל)

אידישע צייטונגען אין דער אידישער שפּראַך, ווי אויך אידישע צייטונגען אין אַנדערע שפּראַכן זענען געבעטן מפרסם צו מאַכן די געדאַנקען פון דער בראָשור „די אויפ־גאַבע פון אונדזער דור״ צו זייערע לייענער. אידישע אָר־גאַניזאַציעס זענען געבעטן צו דיסקוטירן דעם פּראָבלעם ביי זייערע פאַרזאַמלונגען און פּאָפּולאַריזירן די אידעע צווישן זייערע מיטגלידער אין דער שפּראַך, אין וועלכער עס איז גרינגער פאַר די אידן פון יעדער אָרגאַניזאַציע צו לייענען.

יעדע אידישע צייטונג אָדער אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל אי־בערדרוקן די גאַנצע בראָשור, אָדער טיילן פון איר, אין זייערע צייטונגען, אין סיי וועלכער שפּראַך, זענען געבעטן דאָס צו טאָן.

לייענט דאָס טאַשן בוך „די צוקונפט פון מדינת ישראל״, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון ישראל.

דאָס בוך „די צוקונפט פון מדינת ישראל״ איז געשריבן אין אַ קלאָרער און לייכטער שפּראַך און אַנטהאַלט די פאָל־גנדע 5 קאַפּיטלען: 1) אַגריקולטור (ערד אַרבעט) אין מדינת־ישראל, — אַ פאַרגלייך צווישן אַגריקולטור מעגלעכקייטן אין מדינת ישראל און אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן די זעלבע ערד און קלימאַט ווי ישראל האָט. די ענדערונגען אין די מעטאָדן פון אַגריקולטור און ווי אזוי זיי באַאיינפלוסן יש־ראלס מעגלעכקייטן צו באַשפּייזן איר גאַנצע באַפעלקערונג.

2) נאַטור-אוצרות וועלכע ישראל פאַרמאָגט; צו וואָס באַ־נוצט מען זיי? וועלכע לענדער אימפּאָרטירן די אַרויסבאַקו־מענע רוי־שטאָפן, און וואָס דאַרף מען האָבן בכדי זיי צו עקספּלואַטירן? ווי אזוי וועלן זיי העלפן ברענגען ישראל צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט.

3) אינדוסטריע. וועלכע אינדוסטריעס האָט ישראל און וועלכע אינדוסטריעס דאַרף מען נאָך דאָרט בויען? וויכטיקייט

פון וויסנשאַפטלער ביי פאַרשידענע אינדוסטריעס. מעגלעכ־קייטן פאַר פריוואַטע אונטערנעמערס ביי אינדוסטריעס.

4) דער טראַנספּאָרט־סיסטעם. פינף וועגן פון טראַנספּאָרט און ווי אזוי זיי באַאיינפלוסן ישראלס עקאָנאָמישע מעגלעכ־קייטן. אַ פאַרגלייך צווישן ישראל און אַנדערע לענדער אין טראַנספּאָרט מיטלען.

5) שלום. ווי אזוי די פיר אויבנדערמאַנטע אינדוסטריע־צווייגן קענען אַרבעטן צוזאַמען, בכדי ישראל זאָל ווערן עקאָ־נאָמיש זעלבסטשטענדיק און בכדי צו הייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די אידן אין ישראל.

מיט באַשטעלונגען פאַר דעם בוך קען מען זיך ווענדן אויף דעם אַדרעס:

Rabbi T. GREEN, P. O. Box 211, Station "E", Montreal, Canada

איינצלנע עקזעמפּלאַרן ווערן ארויסגעשיקט נאָכן צושיקן 65 סענט, פּלוס 5 סענט פאַר פּאָסט.

איר קענט אויך לייענען דאָס בוך אין יעדער אידישער ביבליאָטעק. ווען אייער אידישע שטאָט ביבליאָטעק האָט עס נישט, דאַן שיקט אריין דעם אַדרעס פון דער ביבליאָטעק, אויף דעם אויבנדערמאַנטן אַדרעס, און מען וועט עס צו זיי שיקן.

לייענט דאָס טאַשן־בוך „די צוקונפט פון מדינת־ישראל", באַקענט זיך מיט די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון מדינת־ישראל.